בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בלק

י"ד תמוז תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:08 |
| מוצש"ק | 8:25 |
| ר"ת | 9:01 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:23 | סוז"ת א' | 9:50 |
| סוזק"ש ב' | 9:14 | סוז"ת ב' | 10:24 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': צב

שנה ב'

## טיב הפרשה

# אשר ישים בפי אותו אדבר

## אז מען פירט זיך ערליך קען די קללה נישט חל זיין

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר וועגן קללות און ברכות. מיר זען ווי אזוי בלעם הרשע האט געוואלט שעלטן די אידן און ווי אזוי מען האט עס אפגעהאלטן פון הימל, ווייל א קללה האט אין זיך א כח.

עס טרעפט זיך ביי אסאך מענטשן אז זיי האבן א פחד פון קללות. אז זיי הערן אז איינער שעלט זיי וועלן זיי זיין אומרואיג פון דעם אבער מען דארף וויסן אז די כח פון א קללה איז באגרעניצט.

ווען ארבעט זי יא און ווען נישט? און ווען דארף מען מורא האבן פון איר און ווען נישט? דאס קען מען זען אין די פרשה.

איבער בלעם איז די תוה"ק מעיד אז ער האט געהאט א כח צו שעלטן אדער צו בענטשן, ווי עס שטייט אין פסוק אז ווען בלק האט געשיקט צו בלעם האט ער אים געזאגט די פאלגענדע ווערטער: "כי ידעתי את אשר תברך מבורך ואשר תאור יואר".

מיר ווייסן אז יעדע ווארט פון די תורה איז אויסגערעכענט. דער פסוק וואלט זיך נישט באנוצט מיט אזא ווארט אויב עס וואלט נישט געווען הונדערט פראצענט אזוי. פון דעם לערנען מיר ארויס אז בלעם האט געהאט אן אמת'ע כח אין שעלטן און אז ווען ער האט געשאלטן האט עס געארבעט ביז'ן סוף, אבער דאך זעען מיר ווי עס שטייט שפעטער אין פסוק אז די קללות פון בלעם האט נישט געקענט חל זיין נאר אויב מען האט מען מסכים געווען צו איר פון הימל.

פון דעם לערנען מיר ארויס א שטארקער יסוד. עס איז אמת אז א קללה קען חל זיין, אבער א קללה קען נאר חל זיין אויב עס האט רשות פון הימל אז עס זאל חל זיין. אויב עס איז נישט דא קיין רשות פון הימל אז די קללה זאל חל זיין אויף דעם מענטש וועט עס קיינמאל נישט חל זיין און ווי שלמה המלך האט געזאגט אין משלי [כו, ב] קללת חינם לא תבוא.

מען דערציילט אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן צדיק הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע און זיך באקלאגט אז עס איז דא א צווייטער איד וואס שעלט

>>> המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

### אֲשֶׁר תְּבָרֵךְ מְבֹרָךְ

מורינו ורבינו שליט"א האט דערציילט, אז ער איז אמאל געגאנגען באזוכן אן עלטערער איד א מדוכא ביסורים, וועלכער איז אין זיין יוגנט פארוואונדעט געווארן און איז כל ימיו געזעצן אין א רעדער-בענקל, און דער עלטערער איד פלעגט אלעמאל זאגן ווי פאלגנד: איך גלייב באמונה שלימה אז דער אויבערשטער קען מיר אויסהיילן אין א רגע, און אלעס ווענדט זיך לויט זיין רצון, נאר וואס זאל איך טון אז דאס איז נאכנישט ארויפגעקומען אינעם געדאנק פונעם אויבערשטן, און "כל מאן דעביד רחמנא לטב עביד", ווייל 'צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא'.

אין אונזער פרשה זעען מיר, אז בלעם האט געוואלט און פרובירט צו שעלטן די אידן, נאר דער אויבערשטער האט אים נישט געלאזט דאס טון, און נישט נאר דאס, נאר דער אויבערשטער האט איבערגעדרייט די קללה צו א ברכה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וְלֹא אָבָה ד' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ד' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה', און אזוי זעען מיר אז ווען בלק האט געשיקט רופן בלעם, האט ער געזאגט צו אים 'כִּי יָדַעְתִּי אֵת אֲשֶׁר תְּבָרֵךְ מְבֹרָךְ וַאֲשֶׁר תָּאֹר יוּאָר', ווייל אזוי האט בלק געמיינט אז בלעם קען בענטשן אדער שעלטן לויט ווי עס זעט אים אויס, און דעריבער אויך ווען ער האט געזען אז בלעם בענטשט די אידן אנשטאט זיי צו שעלטן, האט ער פרובירט גיין צו אן אנדער ארט, אבער נאכדעם וואס דער זאך האט זיך איבערגע'חזר'ט צום צווייטן מאל, האט שוין אויך בלק פארשטאנען אז בלעם האט נישט קיין כח צו שעלטן ווען דער רצון ה' איז נישט אזוי, און ער האט געזאגט צו בלעם 'אָמַרְתִּי כַּבֵּד אֲכַבֶּדְךָ וְהִנֵּה מְנָעֲךָ ד' מִכָּבוֹד', וויבאלד אויך ער האט שוין יעצט פארשטאנען אז די ברכה אדער די קללה קומען נאר פונעם אויבערשטן.

אויף די ווערטער 'וַיִּשָּׂא בִלְעָם אֶת עֵינָיו', איז רש"י מפרש אז ער האט געוואלט אריינלייגן אין זיי אן עין הרע, און פון דעם זעען מיר אז שוין דעמאלטס זענען געווען אזעלכע וואס האבן געמיינט אז מען קען איינעם מזיק זיין דורך א שלעכט אויג. אבער דאס וואס איז געשען נאכדעם ווייסן מיר דאך גוט, און דאס איז, אז בלעם האט נישט מצליח געווען. פארוואס טאקע? אזוי ווי מיר האבן שוין ערקלערט – וויבאלד דער אויבערשטער האט נישט געוואלט!

עס זענען דא מענטשן וועלכע האבן מורא פון קפידות און פון א שלעכט אויג, און אלע זייערע טעג לעבן זיי מיט א שרעק, אויף אזוי ווייט אז זיי זענען גרייט צו פארציכטן אויף מצוות שבין אדם לחברו, אזוי ווי הכנסת אורחים, און אנדערע מצוות פון חסד, און זיי ווילן נישט פארלייען זייערע חפצים אדער געלט פאר אנדערע, מורא האבנדיג טאמער מען וועט זען און ווייסן וואס זיי פארמאגן... און עס וועט אריינגיין אין זיי חלילה א שלעכט אויג. אבער ווען מען גלייבט אז דער אויבערשטער, און נאר ער אליין, איז עשה עושה ויעשה לכל המעשים, דעמאלטס האט מען נישט מורא פון קיין שום זאך אויסער אים, און מען ווייסט און אנערקענט אז דער אמת'ער פחד דארף נאר זיין אז מען זאל נישט עובר זיין אויף אן עבירה, אזוי ווי מיר זען אז טראצדעם וואס עס איז נישט געלונגען פאר בלעם הרשע צו שעלטן די אידן, אבער ווען דער פאלק האט געזינדיגט מיט די טעכטער פון מואב, זענען זיי גלייך באטראפן געווארן פון די מגיפה, ווייל די עבירה איז דאס וואס מאכט שטארבן.

(עפ"י טיב התורה – בלק)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אים אן אויפהער. דער איד האט גע׳טענה׳ט אז ער האט מורא פון די קללות.

האט אים ר׳ שלמה׳קע געזאגט אז אויב ער פון זיין זייט טשעפעט נישט דעם מענטש, קען ער זיין רואיג, ווייל א קללה איז נישט חל אז מען טוט נישט גארנישט. פארקערט ער וועט נאך זען אז די קללה וועט ווערן איבערגעדרייט אויף א ברכה.

די נקודה איז אויך א שטארקע נקודה ווען עס קומט צו אמונה. ביי א איד דארף זיין קלאר אז עס איז נישט דא וואס מורא צו האבן פון קיין שום כח אין די וועלט, ווייל קיין שום כח האט נישט אליין כוחות צו קענען מזיק זיין א מענטש, אלעס קומט פון הקב״ה.

די איינציגסטע זאך וואס דארף אפשרעקן א מענטש איז דער פחד פון א חטא. די עבירה וואס א מענטש איז עובר איז ממשיך פורעניות אויף דעם מענטש און דאס קען ליידער גורם זיין אז ער זאל געשעדיגט ווערן.

דאס זעט מען אויך ביי בִּלְעָם הָרָשָׁע. ווען דער רשע איז געקומען שעלטן די אידן האט ער זיך אנגערופן ׳מה טובו אהליך יעקב׳ און ווי רש״י איז מסביר זענען די טירן נישט געווען איינע קעגן די אנדערע. עס קען אויסזען ווי די תוה״ק דערציילט אונז וואס בלעם האט געזאגט ווייל ער וויל אז מיר זאלן וויסן די באגייסטערונג וואס בלעם האט געהאט זעענדיג ווי אזוי א איד וואוינט, אבער עס קען אויך זיין אז דער פסוק וויל אונז לאזן הערן די נקודה, אז בלעם האט נישט געקענט שעלטן די אידן, ווייל די אידן האבן זיך געפירט בקדושה ובטהרה, און ווען א איד פירט זיך בקדושה ובטהרה קען נישט חל זיין אויף אים קיין שום שלעכטס.

דער רשע בלעם האט דאס געוואוסט און וועגן דעם האט ער טאקע געזוכט מחטיא צו זיין כלל ישראל, און ליידער ווען ער האט מצליח געווען זענען די תוצאות געווען ביטער, ווייל אזוי לאנג אז עס איז נישט דא קיין עבירה, איז נישט דא וואו די קללה זאל חל זיין, דאגעגן אויב מען זינדיגט ווערט נתעורר א קטרוג אויפ׳ן כלל ישראל און עס האט אויסגעבראכן א מגיפה רח״ל.

דאס דארף זיין א לימוד פאר אונז. אויב מען וויל אז א קללה זאל נישט קענען חל זיין דארף מען זיך פירן ערליך און אפגעהיטן ווייל דאס ברענגט די ברכה פאר א איד.

זאל הקב״ה געבן אז מען זאל זיך קענען אפהיטן און גיין אין די ריכטיגע וועגן און בלייבן אפגעהיטן, און זוכה זיין אז די שכינה זאל קענען רוען צווישן אונז און אז מיר זאלן ניצול ווערן פון אלע קללות, עס זאל שטענדיג רוען ברכה צווישן אונז.




# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# עקסטערע חן פון היאל

מיט יארן צוריק האט מען מיר פארגעשלאגן א שיינער פארשלאג איבערצובויען מיין דירה און עס פארגרעסערן דראסטיש אז עס זאל זיין צוגעפאסט פאר מיינע קינדער און פאר מיין משפחה.

די הצעה איז געווען פארבינדן מיט גרויס געלט, אבער אזוי ווי עס איז געווען א הצעה וואס קומט נישט אונטער יעדן טאג, האב איך עס באטראכט מיט אן ערנסטקייט.

וויסנדיג אז די שפיל וועט מיר אריינציען אין גרויסע געלטער האב איך געזוכט וואו איך קען שאפן א גוטע הלוואה. איך האב געהאט פאר מיר מערערע אויסוועגן. איין אויסוועג איז געווען צו נעמען א מארגעדזש, די צווייטע אויסוועג איז געווען צו נעמען א הלוואה פון די באנק.

יעדע הצעה וואס איז ארויפגעקומען אויפ׳ן טיש איז אראפ. אז איך זאל קענען נעמען א מארגעדזש האט מיין דירה געדארפט זיין מער ווערד, און לויט ווי מען האט עס געשאצט איז עס נישט געווען גענוג ווערד.

אין יענער צייט האט מיר א משפחה מיטגליד פארגעשלאגן אז ער קען מיר פארבארגן די סומע. האבנדיג א משפחה מיטגליד וואס קען מיר אהערשטעלן די סומע האב איך זיך גערוקט פאראויס מיט׳ן געשעפט, איך האב גע׳חתמ׳ט א קאנטראקט מיט דער בויער און די ארבעט איז אריין אין שוואונג.

נאכ׳ן חתמ׳נען קאנטראקט מיט דער בויער האב איך זיך פארבינדן מיט די משפחה מיטגליד. איך האב אים געזאגט אז איך האב נארוואס גע׳חתמ׳ט א קאנטראקט און איך דארף געבן איינגאבע געלט, איך האב געוואלט וויסן ווען קען איך באקומען דאס געלט.

צו מיין אנטוישונג האט מיר יענער געזאגט אז אין די לעצטע מינוט האט זיך געמאכט א טויש, אז ער קען מיר נישט פארבארגן די סומע.

"אבער איך האב דאך געבויט אויף דיר....".

עס איז געווען צי שפעט צוריקצודרייען דעם זייגער, איך האב געשפירט ווי איך בין דא געבליבן שטעקן פוןביידע זייטן.

טראכטנדיג וואס איך קען טון האב איך איינגעלאדענט צו מיר אין שטוב אן עקספערט וואס געבט זיך אפ מיט׳ן אפשאצן די ווערד פון די דירה. איך האב אים געבעטן ער זאל מיר אפשאצן די דירה און זאגן וויפיל זי איז ווערד, אפשר דאך וועל איך קענען ארויסנעמען א מארגעדזש אויף די דירה.

דער שאצער איז געקומען צו גיין. ער האט באטראכט די דירה און איז געקומען צום אויספיר אז מיין דירה איז ווערד א געוויסע סומע וועלכע געבט מיר נישט די מעגליכקייט צו קענען אנגיין מיט די בויעריי.

א וואך איז אריבער. איך בין געווען הילפלאז, איך האב געדאווענט צו הקב״ה ווען פלוצלונג רופט מיר דער שאצער אן און זאגט מיר אז ער האט זיך בארעכנט.

"עס איז ריכטיג אז דיין דירה איז נישט ווערד מער, אבער איך האב זיך איבערגעטראכט און כ׳גיי עס יא געבן א העכערע שאצונג".

דער שאצער האט גע׳געבן צו פארשטיין אז ער קען אייביג געבן די העכסטע אדער די קלענסטע, אבער דא האט ער באשלאסן צו געבן די העכסטע.

פרעגענדיג וואס האט אים צוגעברענגט צו טוישן זיין מיינונג, האט ער מיר מודה געווען אז איך האב געהאט ביי א נשיאות חן און דאס האט צוגעברענגט אז ער זאל טוישן זיין מיינונג פאר מיין טובה וועגן.

ענדע האב איך באקומען די מארגעדזש און געמאכט די פארגרעסערונג און זוכה געווען צו א הרחבה גדולה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ב.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

א מורא'דיגער זאך שטייט אין 'דברי שלום' פון דער הייליגער קוידינוב'ער זצוק"ל אויף דעם אויבנדערמאנטן פסוק, ווי פאלגנד: מען קען זאגן על דרך הרמז, לויט די ווערטער פון חכמינו ז"ל (ברכות סא: עירובין יח:) הַמְרַצֶּה מָעוֹת לְאִשָּׁה מִיָּדוֹ לְיָדָהּ כְּדֵי לְהִסְתַּכֵּל בָּהּ, אֲפִילוּ הוּא כְּמֹשֶׁה רַבֵּינוּ שֶׁקִּבֵּל אֶת הַלּוּחוֹת מִיָּדוֹ שֶׁל הקב"ה, לֹא יִנָּקֶה מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם.

און דאס מיינט דער פסוק, אז אפילו אויב עס איז 'מַחֲזֵה שַׁ-דַּ-י יֶחֱזֶה', אז ער איז אזוי גרויס אז ער איז זוכה צו אזא געוואלדיגע התגלות, פונדעסטוועגן 'נופל', פאלט ער אריין אין גיהנם, אויב עס איז 'גְּלוּי עֵינָיִם', אז ער קוקט אויף זאכן וואס מען טאר נישט קוקן. ביז אהער פונעם הייליגן קוידינוב'ער זי"ע.

עס ווערט געברענגט אין די כתבי האריז"ל (משנת חסידים מסכת תמוז ואב פ"א ופ"ב) אז די צוויי חדשים אין וועלכע מיר שטייען יעצט, חודש תמוז און חודש אב, זענען 'חֶדְשֵׁי עֵינַיִם', און אין זיי וועלן מיר פועל'ן כביכול דער תיקון פון די אויגן פון די שכינה הקדושה למעלה, תמוז איז כנגד עַיִן יָמִין, און אב איז כנגד עַיִן שְׂמֹאל, עיין שם.

דעריבער, דווקא אין אט די צוויי חדשים, איז זיך די סטרא אחרא שטארק מתגבר צו מטמא זיין און פארשמירן אידישע אויגן, רחמנא ליצלן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (קהלת ז, יד) "זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים", צושטעלנדיג שווערע און פייערדיגע נסיונות אין אט די זומערדיגע חדשים.

איבערהויפט היינטיגע צייטן, אין אזא שווערער דור פרוץ, וואס די הפקר'דיגע אטמאספער [אוירה] האט אריינגעדרינגען אין יעדן ווינקל, און דאס צניעות האט זיך ליידער געפערליך געגליטשט עד דיוטא תחתונה רח"ל.

איבערהויפט האט די סטרא אחרא זיך געשטארקט דורכן שרעקליכן עצה פון בלעם הרשע אין אונזער דור, דורכן ערפינדן פארשידענע מאשינען, קליינע און גרויסע, וועלכע ברענגען דאס גאנצע זוהמא פון די וועלט, פון די טיפענישן פונעם שאול תחתית, ביזן עפענונג פון די אויגן פונעם מענטש.

נאכמער האט ער געשטארקט זיין כיטרע עצה, מיט די קליינע און פיצקעלע מאשינען וועלכע זענען באהאלטן אין די טאשן, און צוברעכן די גאנצע מויער פון דער פחד וואס א מענטש האט פון די עבירה, ווייל אזוי שטייט דאך אין די גמרא (ברכות כח:) אז געוועגליך האט א מענטש מורא פון טון אן עבירה, וויבאלד ער טראכט צו זיך: "שֶׁלֹּא יִרְאַנִי אָדָם"! – אבער ביי אט די טמא'נע און אומווירדיגע מאשינען איז דאך נישטא דער פחד, וויבאלד קיין מענטש וועט אים נישט זען, און ער קען בלייבן ווייטער 'א שיינער יוד'... און אפילו קומען אין שול מִדֵּי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ און מִדֵּי יוֹם בְּיוֹמוֹ, און אויסזען ווי א גוטער און וואוילער מענטש... אינדערצייט וואס אינעווייניג אין די טיפענישן פון זיין הארץ, איז ער פארפוילט! און פול מיט אומווירדיגקייט און שמוץ, רחמנא ליצלן.

דעריבער האבן מיר נישט קיין שום עצה אין אונזער דור, אנטקעגן דעם געפערליכן און שרעקליכן התגברות פון די סטרא אחרא, נאר מיט די ווערטער וואס דער הייליגער רמב"ם ז"ל האט אונז גע'פסק'נט

# שְׁמִירַת הָעֵינַיִם

**"אֲשֶׁר מַחֲזֵה שַׁ-דַּ-י יֶחֱזֶה, נֹפֵל וּגְלוּי עֵינָיִם" (כד, ד).**

ביים סוף פונעם ספר הקדושה אין זיין 'יד החזקה' (פרק כ"ב מהל' איסו"ב הלכה כ"א), ווי פאלגנד: "גְּדוֹלָה מִכָּל זֹאת אָמְרוּ, יִפְנֶה עַצְמוֹ וּמַחְשַׁבְתּוֹ לְדִבְרֵי תוֹרָה, וְיַרְחִיב דַּעְתּוֹ בְּחָכְמָה. שֶׁאֵין מַחֲשֶׁבֶת עֲרָיוֹת מִתְגַּבֶּרֶת, אֶלָּא בְּלֵב פָּנוּי מִן הַחָכְמָה. וּבְחָכְמָה הוּא אוֹמֵר (משלי ה, יט): אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, דַּדֶּיהָ יְרַוֻּךָ בְכָל עֵת, בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", אט די ווערטער זאל מען גוט מדקדק זיין, און זיך פארטיפן אין יעדן אות דערפון.

און יעצט, לאמיר זיך מקשר זיין מיט שטארקייט אין לימוד התורה און אין די געוואלדיגע חכמת התורה, יעדער איינער לויט זיין מעגליכקייט, אבער מען זאל זען מיט אלע כוחות זיך צו פלאגן און פארשטיין דאס וואס מען לערנט! און נישט ווי איינער וואס טוט בלויז ליינען... – נאר מיט א פארשטאנד וואס דרינגט אריין און קומט אן ביזן פנימיות פונעם הארץ און זעל, און פולט אן דעם קאפ מיט אן אינערליכן תֹּכֶן פון קדושה, און דערנענטערט דעם דעת צום נותן התורה ברוך הוא, און עס פולט אן דעם הארץ און זעל מיט א ריכטיגן סיפוק פון א אידיש לעבן [און נישט מיט א לעכערליכן און ליידיגן סיפוק, וואס געוועלטיגט ליידער אין פילע הערצער] צו פול ווערן מיט די שמחה פון די תורה, וועלכע דערפריידט די הארץ און מאכט ליכטיג די אויגן, זיי שטענדיג צו היטן בקדושה ובטהרה, אמן.

-> • <-

הגאון החסיד רבי חיים בריסקער זצוק"ל, האט אמאל געדארפט אריבערגיין צוזאמען מיט זיין משפחה, און זיך באזעצן פאר א שטיק צייט אין אן אנדער שטאט, צוליב א שווערע מלחמה צושטאנד וואס האט אנגעהאלטן אין יענער צייט אין בריסק.

אנקומענדיג אינעם אנדערן שטאט, האט רבי חיים געזען צו זיין גרויסן ערשטוינונג, אז דער מצב הצניעות דארט אין שטאט איז זייער נישט גוט, און ער האט שטארק מורא געהאט וועגן די שְׁמִירַת קְדֻשַּׁת הָעֵינַיִם, סיי פאר אים אליין און סיי פאר זיין הויזגעזינד. דערפאר, זענען זיי געזעצן ביי זיך אין הויז, וועגן אלע פענסטער, טירן און לאדנס זענען גוט פארמאכט און פארקלאפט דורכאויס דעם גאנצן טאג, און דאס הויז איז באלויכטן געווארן בלויז דורך די שיין פון ליכט, אפילו אין די שעות פון די טאג ליכטיגקייט, כדי זיי זאלן חלילה נישט געשטרויכלט ווערן מיט קיין רְאִיָּה אֲסוּרָה!

איין טאג, איז אים געקומען באזוכן איינער פון די אֲרָיוֹת שֶׁבַּחֲבוּרָה, איינער פון זיינע געהויבענע תלמידים, וואס ווען ער איז אנגעקומען צום הויז האט ער זיך זייער געוואונדערט צו זען ווי דאס הויז איז אינגאנצן פארמאכט און פארקלאפט אויף שלאס און ריגל, טראצדעם וואס עס איז געווען אינמיטן טאג, און נאר נאכדעם וואס ער האט שטארק געקלאפט אויף די טויערן, האט מען פון אינעווייניג געהערט זיין קלאפעריי, און מען האט געעפנט פאר אים דעם טיר.

נאכן אריינגיין אינעווייניג, האט דער תלמיד שטארק אויסגעדרוקט זיין וואונדער פאר זיין רבי'ן, און געבעטן אז ער זאל אים ערקלערן, פארוואס איז דא אזוי טונקל און אלעס איז פארמאכט, טראצדעם וואס עס איז יעצט אינמיטן טאג?

רבי חיים האט זיך גלייך אנגערופן: ס'איז א בפירוש'ער רמב"ם!

האט דער תלמיד נישט פארשטאנען, וואו האט דער רבי געטראפן אין די ווערטער פונעם הייליגן רמב"ם, אז מען דארף זיך אזוי פארמאכן אין א פארטונקלטער שטוב?

זעענדיג זיין וואונדער און שטוינונג, האט רבי חיים אויפגעעפנט דעם יד החזקה, אין ספר המדע אין דעם זעקסטן פרק פון הלכות דעות (הלכה א), און זיך גענומען לערנען מיט אים דעם ליכטיגן לשון פונעם הייליגן רמב"ם ז"ל:

"דֶּרֶךְ בְּרִיָּתוֹ שֶׁל אָדָם לִהְיוֹת נִמְשָׁךְ בְּדֵעוֹתָיו וּבְמַעֲשָׂיו אַחַר רֵעָיו וַחֲבֵרָיו, נוֹהֵג כְּמִנְהַג אַנְשֵׁי מְדִינָתוֹ. – לְפִיכָךְ צָרִיךְ אָדָם לְהִתְחַבֵּר לַצַּדִּיקִים, וְלֵישֵׁב אֵצֶל הַחֲכָמִים תָּמִיד, כְּדֵי שֶׁיִּלְמֹד מִמַּעֲשֵׂיהֶם, וְיִתְרַחֵק מִן הָרְשָׁעִים הַהוֹלְכִים בַּחֹשֶׁךְ כְּדֵי שֶׁלֹּא יִלְמֹד מִמַּעֲשֵׂיהֶם... אִם הָיָה בַּמְּדִינָה שֶׁמִּנְהֲגוֹתֶיהָ רָעִים וְאֵין אֲנָשֶׁיהָ הוֹלְכִים בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, יֵלֵךְ לְמָקוֹם שֶׁאֲנָשֶׁיהָ צַדִּיקִים וְנוֹהֲגִים בְּדֶרֶךְ טוֹבִים. וְאִם הָיוּ כָּל הַמְּדִינוֹת שֶׁהוּא יוֹדְעָם וְשׁוֹמֵעַ שְׁמוּעָתָן נוֹהֲגִים בְּדֶרֶךְ לֹא טוֹבָה כְּמוֹ זְמַנֵּנוּ, אוֹ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לָלֶכֶת לַמְּדִינָה שֶׁמִּנְהֲגוֹתֶיהָ טוֹבִים מִפְּנֵי הַגְּיָסוֹת אוֹ מִפְּנֵי הַחוֹלִי, יֵשֵׁב לְבַדּוֹ יְחִידִי, כְּעִנְיַן שֶׁנֶּאֱמַר (איכה ג כח) יֵשֵׁב בָּדָד וְיִדֹּם", עד כאן לשון קדשו.

זעען מיר דערפון, האט רבי חיים אויסגעפירט, אז דער רמב"ם רעדט קלאר פונעם מצב אין וועלכן מיר געפינען זיך יעצט, ווען צוליב די מיליטער וואס געפינען זיך אין בריסק, קענען מיר זיך יעצט נישט צוריקקערן צו אונזער ארט, צווישן די חבורת התלמידים וועלכע זענען יראים ושלמים, און מיר זענען געווען געצוואונגען זיך אריבערצוציען פאר א שטיק צייט צו דעם שטאט וואס אירע פירונגען זענען שלעכט, און די פריצות'דיגע ערשיינונגען פון אינדרויסן זענען זייער שעדליך פארן נפש און פארן נשמה, דערפאר האבן מיר געמוזט מקיים זיין דעם פסק פונעם הייליגן רמב"ם ז"ל, צו זיצן אליין אין שטוב, און זיך איינשפאַרן פון אלע שלעכטע ווינטן פונדרויסן!

[שיחה לאברכי מיר ובריסק, ו' חשון תשס"ב]

-> • <-

די געוואלדיגע שְׁמִירַת עֵינַיִם פון מורי ורבי, כבוד קדושת אדמו"ר ממשכנות הרועים, הגאון הצדיק רבי בנימין ראבינאוויטש זצוק"ל, חבר הביד"ץ דהעדה החרדית פה עיה"ק ירושלים ת"ו, איז געווען מיט א מורא'דיגע קדושה וטהרה, אזוי ווי דאס איז גוט באוואוסט.

ער האט אפגעהיטן זיין הייליגע צורה מיט אלע זיינע כוחות, אז דער הייליגער צלם אלקים זאל חלילה נישט פארשווערכט

| המשך אין עמוד ד' |>

ווערן פון קיין שום טמא׳נעם זעאונג, און ער פלעגט אפט פארמאכן זיינע אויגן פון קוקן אויף עפעס וואס האט נישט געטויגט, און דעריבער האט זיין הייליגע צורה משפיע געווען אסאך קדושה פאר הייליגע אידישע קינדער.

עס ווערט דערציילט אויף הרה״צ רבי מתתי׳ דייוויס זצ״ל, וועלכער איז געווען א וואונדערליכער מוסטער פון א איד א ירא שמים וועלכער ציטערט פון אן עבירה, אז ווען ער איז געקומען וואוינען אין די געגנט פון ׳בתי נייטין׳, נייטינ׳ס הייזער, אין ירושלים עיר הקודש, האט מען אים פארגעשלאגן עטליכע שיינע און ברייטע וואוינונגען אינעם געגנט, אבער פונדעסטוועגן האט ער זיך דווקא אויסגעוועלט די דירה וואס איז געווען קעגנאיבער דעם הויז פונעם רבי׳ן זצ״ל, טראצדעם וואס עס איז געווען א קליינע און נאכגעלאזטע דירה, ווי די אנדערע דירות וואס מען האט אים געוויזן.

דערביי האט ער געגעבן צו פארשטיין פארוואס ער וויל דווקא וואוינען דא – כדי ער זאל שטענדיג האבן די זכיה צו קוקן אויף די צורה פון א איד א ירא שמים, דערמיט האט ער געמיינט דעם הייליגן רבי׳ן, ווען ער גייט אריין און ארויס פון זיין הויז.

און דאס אלעס איז פארגעקומען אין א צייט וואס נייטינ׳ס הייזער איז געווען בְּרוּם תִּפְאַרְתָּהּ! און עס האבן דארט געוווינט מְסֻלְּתָהּ וּמְשֻׁמְנָהּ פון די נקי הדעת שבירושלים, אידן אנשי צורה, תלמידי חכמים, און יראים ושלמים!

עס האט מיר לעצטנס דערציילט א איד, וועלכער איז פון א ווייטערער קרייז, אז יעדן מאל וואס ער האט געפילט אז ער דארף האבן חיזוק בעניני קדושה, פלעגט ער קומען דאווענען אינעם בית המדרש פונעם רבי׳ן זצוק״ל, כדי זיך מתבונן צו זיין אין זיין הייליגע צורה, פון וועלכע ער האט געשעפט גרויס חיזוק אין קדושה ויראת שמים.

און ווירקליך האט דער רבי געוויזן און אויסגעלערנט, אז עס איז מעגליך אפילו אין אזא שווערער דור פרוץ, צו גוט אפהיטן די אויגן בקדושה! און אכטונג געבן פון אלע הארבע פירצות פונעם דור, אז זיי זאלן בכלל נישט אנקומען צו אונז! אזוי ווי די הייליגע חז״ל זאגן אויף אלע אזעלכע סארטן זאכן (שבת יג: וש״נ): ״לֵךְ לֵךְ לְךָ אָמְרֵי נְזִירָא סְחוֹר סְחוֹר, לְכַרְמָא לֹא תִקְרַב״!

[״טיב הזכרונות״ – מתוך שיחה לבני חבורת משכנות הרועים ביו״ד]

->•<-

הגאון הצדיק רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ״ל, וועלכער איז געווען דער משגיח פון ישיבת פאניוויזש, האט אמאל געדארפט גיין אויף א באזוך ביי א גרויסן דאקטער, וועלכער האט זיך געפינען אין זייער אן אויסגעלאסענעם געגנט אין די שטאט תל אביב.

כדי ער זאל נישט געשטרויכלט ווערן חלילה מיט א ראיה אסורה, איז דער משגיח ספעציעל געפארן מיט א פריוואטן טעקסי, וועלכער האט אים געפירט פונעם בערגל פון די ישיבה ביז צום טיר פונעם דאקטער׳ס אויפנאמע צימער, ווארטנדיג אויף אים ביז נאכן אונטערזוכונג, און דערנאך איז ער גלייך צוריק אריינגעגאנגען אינעם טעקסי, וועלכער האט אים צוריק אהיימגענומען.

ווען רבי יחזקאל האט זיך צוריקגעקערט צו די ישיבה האט ער געזאגט צו זיינע תלמידים, אז טראצדעם וואס ער האט זיך בכלל נישט געדרייט אין די שמוציגע גאסן פון תל אביב, און דורכאויס די גאנצע נסיעה אויפן טעקסי האט ער געלערנט און זיך פארטיפט אין זיינע ספרים, בכלל נישט ארויסקוקנדיג אינדרויסן! אבער פונדעסטוועגן, דאס אליין אז ער האט זיך געפינען אין אזעלכע טמא׳נע גאסן, האט פוגם געווען אין זיין קדושה, אזוי אז ער האט דאס געשפירט ווען ער האט זיך אוועקגעזעצט לערנען די הייליגע תורה, אז אט די שווערע טומאה האט אים געשטערט! און זיין תורה איז נישט אויף די זעלבע געהויבענע און אויסגעלייטערטע דרגה, בקדושה ובטהרה! – ביז ער האט מתקן געווען דעם דאזיגן פגם דורך תשובה, אזוי ווי עס דארף צו זיין.

[קובץ ״כלליות״ שיחה 38]

->•<-

מיין חשוב׳ער פעטער, הרב החסיד רבי אהרן קרול ע״ה, מחשובי חסידי גור, איז געווען בולֵט מיט זיין חסידות און ערליכקייט, און מיט זיין געוואלדיגע דביקות אין זיין הייליגן רבי׳ן, השרף בעל בית ישראל זצוק״ל.

זיין קדושה און געוואלדיגע שמירת עינים איז געווען עפעס וואונדערליך אויסגעצייכנט. ער פלעגט אלעמאל גיין דווקא ביים זייט פונעם וועג, כדי מען זאל אים נישט שטערן אויפן וועג, און זיינע אויגן זענען געווען פעסט אראפ אויף דער ערד, ״אֶל עֵין רֹגֶל״, אזוי ווי עס שטייט אין די ספרים אז מען זאל אזוי גיין אז די אויגן זאלן זען די עקן פון די פיס, וְלִבּוֹ מְכֻוָּן לְמַעְלָה, ווי עס שטייט אינעם אגרת הרמב״ן.

ער האט וואונדערליך אפגעהיטן זיינע אויגן ווי די טייערסטע זאך, אז זיי זאלן נישט זען קיין שלעכטע זאך, און דעריבער שטענדיג ווען ער איז געגאנגען אין גאס האט ער געשפאנט מיט א שנעלקייט, פלינק און בכובד ראש. עס האט אויסגעזען אזוי ווי ער מורמלט צו זיך דורכאויס די גאנצע צייט פון זיין גאנג: שנעל! שנעל! הִמָּלֵט עַל נַפְשֶׁךָ, אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ! אַל תַּעֲמֹד! הָהָרָה הִמָּלֵט פֶּן תִּסָּפֶה! (זע בראשית יט, יז).

[ענדליך צו דעם האבן מיר געזען ביי פילע פון די נקיי הדעת, אזוי ווי הרה״צ רבי יצחק דוד גוטפארב זצ״ל, וואס גייענדיג אין גאס האט ער קיינעם נישט דערקענט, און אזוי ביי נאך פילע אנדערע ערליכע אידן נאר צוליב דעם קוצר הירעה ווען מיר צוריקגיין יעצט צו אונזער ענין].

צוליב דעם זעלבן טעם האט רבי אהרן אויך נישט צוגעשטימט אויף דער עלטער, אז איינער פון זיינע פילע קינדער און אייניקלעך זאלן אים באגלייטן אין וועג, און ער פלעגט שטענדיג ענדערש גיין אליין מיט זיין שנעלקייט, ערקלערנדיג אז געווענליך ווען מען גייט צוזאמען מיטן אייניקל גייט מען שטאטער... דעריבער, כאטש ער איז שוין דעמאלטס געווען אויף דער עלטער, איז ער אבער גייענדיג אין וועג געווען פונקט אזוי ווי א סאלדאט וועלכער איילט זיך אויסצופירן די שליחות פון זיין גענעראל!

ער פלעגט שטענדיג זאגן, אז די גאס איז היינט א געוואלדיגער מקום סכנה פארן נפש, וויבאלד עס זענען דארט פארזייט און צושפרייט מינעס [מוקשים, אזעלכע באמבעס] אין יעדן ווינקל, און דעריבער דארף מען זיך דארט זייער היטן אויף יעדן טריט און שריט, און מען זאל זיך דארט נישט דרייען סתם!

אזוי שטארק איז דאס שמירת עינים געווען טְבוּעָה בְּדָמוֹ, אז אויף זיינע עלטערע יארן ווען איך האב באזוכט ביי אים אין שפיטאל, וואו ער געלעגן עַל עֶרֶשׂ דְּוָי, ארומגענומען מיט שווערע יסורים, זייענדיג קראנק אויפן הארץ רח״ל און זייער אפגעשוואכט, אויף אזוי ווייט אז צוליב זיין גרויס שוואכקייט האט מען אים נישט געוואלט אפערירן, מורא האבנדיג אז זיין קערפער וועט נישט דורכמאכן אן אפענע הארץ אפעראציע!

אבער ווען איך בין אריינגעגאנגען צו אים, האט ער זיך אויסגערעדט פאר מיר מיט ביטערניש, אז ער קען נישט אויסהאלטן ווי די ׳שוועסטער׳ קומען אריין אין זיין צימער, און פרעגן אים אלע סארטן פראגן אויף וועלכע ער מוז ענטפערן, ״איך בין נאך קיינמאל נישט געווען אין אזא מצב״! – אט דאס איז געווען דער צער און ווייטאג פון דעם ערליכע אידן, און אויף דאס האט ער ביטערליך געקרעכצט!

מַה נֹּאמַר, וּמַה נַּעֲנֶה אֲנַן אַבַּתְרֵהּ? – אן עלטערער איד פון אכט און זיבעציג יאר, וועלכער איז דורכגעגאנגען אכט און זיבעציג יאר פון א שטארקע מלחמת היצר, פון וועלכע ער איז ארויסגעגאנגען מיטן אויבערהאנט איבערן יצר הרע! און דא ליגט ער, פאר׳צער׳ט, שטארק קרענק, זיין קאפ איז אין הימל און זיין גוף ליגט אויפן קראנקן בעטל, און ער האט נישט קיין שום אנדער ווייטאג אין זיין וועלט, נאר עפעס א פגם אין טָהֳרַת הָעֵינַיִם! – און ווען מען קומט אים באזוכן בעט ער נישט אז מען זאל מתפלל זיין פאר זיין געזונט, און ער פראבירט נישט צו ערוועקן רחמנות אויף זיין שווערן מצב, ווי דער שטייגער פון עלטערע לייט וואס פילן זיך נישט גוט, נאר ער קלאגט בְּמַר לִבּוֹ איבערן פארשוועכונג פון די הייליגע עֵינַיִם!

[״טיב הזכרונות״ – רבי אהרן קרול ע״ה]

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה״צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט״א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו״ל ע״י קהילת שבתי בבית ד׳ | רח׳ ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173